## TUMBA , TUMBA- טומבאַ טומבא

Oyfn oyvn zitst a meydl,
Tumba, Tumba ba...
Un zi heft a zaydn kleydl.
Tumba, Tumba ba..

אויפֿן אויוון זיצט אַ מיידל,
טומבאַ טומבאַ באַ...
און זי העפֿט אַ זײַדן קליידל
טומבאַ טומבאַ באַ...

Iz a bokher ongefloygn,
Tumba, Tumba ba...
Un hot dem fodem opgetsoygn.
Tumba, Tumba ba.....

איז אַ בחור אָנגעפֿלויגן
טומבאַ טומבאַ באַ...
און האָט דעם פֿאָדעם אָפּגעצויגן,
טומבאַ טומבאַ באַ...

Ay du bokher, ay du fayer!
Tumba, Tumba ba...
S'vet dikh kostn zeyer tayer.
Tumba, Tumba ba...

הײַ דו בחור, הײַ דו פֿײַער!
טומבאַ טומבאַ באַ...
ס'וועט דיך קאָסטן זייער טײַער
.טומבאַ טומבאַ באַ...

Nit mit shtrik vel ikh dikh penten,
Tumba, Tumba ba...
Nor mit mayne vayse hentlekh!
Tumba, Tumba ba...

ניט מיט שטריק וועל איך דיך פּענטן
טומבאַ טומבאַ באַ...
נאָר מיט מײַנע ווײַסע הענטלעך
טומבאַ טומבאַ באַ...

kh'vel nit fregn dikh funvanen,
Tumba, Tumba ba...
kh'vel nit oplozn fundanen,
Tumba, Tumba ba...

כ'וועל ניט פֿרעגן דיך פֿון וואַנען
טומבאַ טומבאַ באַ...
כ'וועל ניט אָפּלאָזן פֿון דאַנען
טומבאַ טומבאַ באַ...

kh'vel dikh haldzn,
kh'vel dikh libn,
Tumba, Tumba ba...
Iz der bokher dort farblibn.
Tumba, Tumba ba...

כ'וועל דיך האַלדזן,
כ'וועל דיך ליבן,
טומבאַ טומבאַ באַ...
איז דער בחור דאָרט פֿאַרבליבן
טומבאַ טומבאַ באַ...

Oyfn oyvn zitsn tsveyen
Tumba, Tumba ba...
Nit zey heftn, nit zey neyen.
Tumba, Tumba ba...

אויפֿן אויוון זיצן צווייען
טומבאַ טומבאַ באַ...
ניט זיי העפֿטן, ניט זיי נייען.
טומבאַ טומבאַ באַ...